בעזהשי"ת

קונטרס

# שפתי קודש

## פרשת ראה

פה קרית טאהש יצ"ו

להשיג הקונטרס או לנדב

נא לפנות אל:

**הר"ר נתנאל מאיר הערשקאוויטש שליט"א**

**514-518-6853**

**או אל בנו**

**ר' אליעזר צבי הערשקאוויטש ני"ו**

**438-920-4312**

## תורה א

- א -

**ראה** **אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה, את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם וגו', והקללה אם לא תשמעו וגו'.** די מפרשים זענען מדייק פארשידענע דיוקים אין די פסוקים, קודם פארוואס שטייט ראה, די ברכה און די קללה זענען דאך נאך נישט געווען, מ'זאל קענען זאגן זעה, ס'וועט הערשט קומען לויט ווי אזוי מ'וועט זיך פירן, וואלט לכאורה געדארפט שטיין, שמע, אזוי ווי ס'שטייט אין אנדערע פסוקים, שמע ישראל אתה עובר היום, שמע אל החקים ואל המשפטים.

**און** נאכדעם שטעלט מען זיך אויפן לשון 'אנכי', אין אנדערע פסוקים שטייט דאס לשון 'אני' נותן. אויך פארוואס שטייט 'נותן' א לשון הווה, מ'האט דאך נאר איינמאל געגעבן די ברכות און די קללות, ביים הר גריזים און הר עיבל.

**נאכדעם** פרעגט מען, פארוואס ביי די ברכה שטייט 'את' הברכה, און ביי די קללה שטייט נישט את, נאר והקללה. אזוי זענען דא נאך אסאך דיוקים.

**איך** וועל נאכזאגן, וואס תלמידי בעש"ט הק' גיבן דא צו פארשטיין, דער מאור עינים און נאך ספרים הק'. ס'איז ידוע, דער זוה"ק זאגט אלץ דאס לשון, באורייתא ברא קוב"ה עלמא ובאורייתא אתקיים עלמא, די וועלט איז באשאפן געווארן דורך די תורה, און עס האלט זיך אויף די תורה. ממילא אין יעדע זאך אויף דער וועלט, און אין יעדן פלאץ, זענען דא אותיות התורה באהאלטן, די כ"ב אותיות התורה זענען כ"ב אורות וואס זענען מחיה די גאנצע וועלט. דער גרעסטער אור איז דער אות אלף, דאס איז דער אור פונעם אלופו של עולם אליין, דער אלף ווערט באהאלטן אינעם בית, ער טוט באלייכטן דעם בית, דער בית איז שוין א קלענערע אור, דער בית טוט באלייכטן דעם גימל, אזוי האט יעדע אות זיין אייגענער אור, אבער יעדער האט דעם אלף אין זיך, און ווי ווייטער עס איז פונעם אלף, איז עס אלץ א קלענערער אור, מער באהאלטן, אזוי גייט עס ביז אות תיו, דער אות תיו איז דער קלענסטער אור, ווען עס לייכט נאר דער תיו, איז דער הסתר פנים זייער גרויס, דארט איז דער גרעסטער נסיון, דאס איז פשט וואס די גמרא זאגט (שבת נה.) תיו תמות, תיו תחיה, ביים אות תיו איז דער מקום הבחירה, דער מענטש זאל בוחר זיין אין חיים אדער חלילה אין מות.

**דאס** איז א יסוד גדול, אז די אותיות התורה זענען אורות גדולות וואס זענען מחיה די גאנצע וועלט, יעדע אות פון די תורה איז אן אור פאר זיך, יעדע אות איז א שם,

למשל דער אות אלף איז א שם הוי"ה, ווייל עס האט א יוד אויבן, א יוד אונטן, און א ויו אינמיטן, איז עס בגימטריא דער שם הוי"ה. און דער אות יוד למשל, איז אויך א שם הוי"ה, ווען מ'שרייבט עס ארויס במילוי, יו"ד, האט עס אלע אותיות פונעם שם הוי"ה, ווייל דער דל"ת איז א ה"א, עס פעלט נאר די פיסל. אויך האט דער יוד אין זיך דריי יודין, אויבן דער קוצו של יוד, און אונטן דער פיסל, און דער יוד אליין אינמיטן (זח"ג קפ.), די דריי יודין ווייזן אויף פארשידענע שמות, דאס אלעס ליגט אינעם יוד אליין. על כל פנים, די גאנצע תורה איז צוזאמגעשטעלט פון שמות, יעדער אות איז א שם, און די גאנצע תורה צוזאמען איז איין גרויסער שם, ווי ס'שטייט אין זוה"ק (ח"ג קכד.) אורייתא כלא חד שמא קדישא הוא, שמא דכליל כל שמהן. ווען ס'שטייט ה' אחד ושמו אחד, מיינט מען די תורה וואס ווערט אנגערופן שמו של הקב"ה, ווען מ'בעהט עשה למען שמך, מיינט מען וועגן די תורה וואס איז שמך.

**און** דורך דעם וואס דער מענטש איז עוסק אין אלע עניני העולם לשם ה', ער עסט, ער שלאפט, ער רעדט, ער הערט, אלעס וואס איז היתר, טוט ער פארן איבערשטנס וועגן, איז ער מיט דעם מקשר די אותיות וואס געפינען זיך אין די אלע זאכן, ער נעמט זיי צוזאמען, און ער ברענגט זיי אלע צוריק צו זייער שורש, צום אות אלף, צום אלופו של עולם, דורכדעם קומען אראפ אלע השפעות אויף דער וועלט. און פארקערט חלילה, אויב דער מענטש איז עוסק אין די עניני העולם, נאר אזוי ווי ער זעהט עס בחיצוניות, לשם תאוה, ער האט נישט אינזין צו טון מיט דעם רצון ה', מאכט ער מיט דעם א פירוד צווישן די אותיות, אויף דעם זאגט דער פסוק (משלי טז כח) ונרגן, א מענטש וואס איז א קריגער, א שלעכטער, מפריד אלוף, טיילט אפ די אותיות פונעם אלף, פונעם אלופו של עולם, פון דעם קומען אלע צרות און אלע דינים אויף דער וועלט רח"ל.

**דאס** איז פשט וואס די גמרא זאגט (זבחים קטז.), אז בשעת מתן תורה האבן אלע שרי האומות געהערט די קולות וברקים, ס'איז געגאנגען דער קול אין אלע עקן פון די וועלט, זענען זיי געקומען צו בלעם און געפרעגט וואס גייט פאר, האט ער זיי געזאגט, מ'גיט די תורה פאר די יודן, ה' עוז לעמו יתן, האבן די פעלקער געזאגט אויף דעם, ה' יברך את עמו בשלום. דאס הייסט, אז דעמאלטס איז געווארן שלום, אלע אותיות התורה זענען געווארן מקושר, וויבאלד די אומות האבן מודה געווען צו די תורה, זיי האבן פארשטאנען אז די תורה ליגט אין אלע עקן פון די וועלט, איז דורך דעם געווארן שלום צווישן די אותיות התורה פון אלע עקן וועלט, אלעס איז געווארן איינס.

**און** דאס חזר'ט זיך איבער יעדן טאג, יעדן טאג גיט דער אייבערשטער נאכאמאל די תורה, יעדן טאג זאגט מען אין ברכת התורה קודם א לשון עבר, אשר נתן לנו תורת אמת, ער האט אונז געגעבן די תורה ביי מתן תורה, נאכדעם זאגט מען ברוך אתה ה' נותן התורה, א לשון הווה, יעדן טאג גיט ער עס אונז פונדאסניי, ער גיט יעדן טאג אריין אין די וועלט די אורות און כחות פון די כ"ב אותיות התורה, און דער מענטש דארף יעדן טאג צוזאמנעמען די אותיות התורה פון יעדע זאך.

**דאס** איז מרומז אין די פסוקים דא, ראה אנכי נותן לפניכם היום, אנכי גייט ארויף אויף די תורה, ווי דער בעל הטורים זאגט, ראה עשרת הדברות שפתח באנכי. אויף דעם זאגט ער א לשון הווה, אנכי נותן לפניכם היום, די תורה גיב איך ענק היום, היינט, דאס הייסט יעדן טאג. זאגט דער פסוק, א"ת הברכה אשר תשמעו, א"ת מיינט מען די אותיות פון אלף ביז תיו, אשר תשמעו וואס עטץ וועטס צוזאמנעמען, תשמעו איז א לשון אסיפה, אזוי ווי (שמ"א טו ד) וישַמַע שאול את העם, דורכדעם וועט קומען די ברכה, דורך דעם וואס עטץ וועטס צוזאמנעמען די אותיות, עס צוזאמבינדן. והקללה אם לא תשמעו, אויב עטץ וועטס נישט צוזאמנעמען די אותיות, וועלן חלילה קומען אלע דינים. פארדעם ביי והקללה, שטייט נישט א"ת, ווייל דארט רעדט מען דאך, ווען דער מענטש האלט נישט ביי א"ת, ער האלט נישט ביי קיין אותיות, ער האט נישט דאס אינזין, ער קוקט ביי יעדע זאך, נאר אויף די חיצוניות.

**אויף** דעם זאגט דער פסוק דאס לשון ראה, קוק אריין אין יעדע זאך, אין די פנימיות שבו, מאך דיר אויף די אויגן צו זעהן די אותיות התורה וואס זענען מחיה די וועלט, דורך דעם וועסטו זוכה זיין צו די ברכה, דו האסט א בחירה, אראפצוברענגן אלע ברכות אויף דער וועלט, אדער חלילה פארקערט, אלעס איז געוואנדן אין דעם 'את', אויב דער מענטש האט אינזין אויפצוהייבן די אותיות פון יעדע זאך.

- ב -

**אויף** דעם קומט די נשמה אראפ אויף דער וועלט, זי קומט פון זייער א הויעך פלאץ, מתחת כסא הכבוד, זי איז נהנה דארט מזיו השכינה, זי קומט פון דארט אראפ דא אונטן, כדי צוזאמצונעמען די אותיות התורה פון אלע פלעצער, אויפצוהייבן די וועלט צום אייבערשטן, דאס קען זי נישט טון אויבן, זי קומט אראפ כדי מוסיף צו זיין אור אויף די וועלט, און דורכדעם ווערט פאר איר אליין אויך נתוסף אור, זי גייט ארויף אסאך העכער ווי זי איז געווען פריער.

**דארף** דער מענטש דאס מכוין זיין ביי יעדע זאך וואס ער טוט, ער זאל ארייננקוקן אין די פנימיות פון יעדע זאך, עס צו טון מיט דעת, מיט כוונה. א מענטש מיינט, אז א זאך וואס איז היתר, מעג ער טון ווי אזוי ער וויל, ער מעג רעדן וויפיל ער וויל, הערן וואס ער וויל, און עסן וויפיל ער וויל, שלאפן וויפיל ער וויל, און ער האלט אז ער טוט גארנישט שלעכט, ער מיינט אז דאס איז טוב, דערווייל ברענגט ער נעבעך מיט דעם אלע דינים, והקללה אם לא תשמעו.

**נאר** דער מענטש האט אלץ אן אויסרייד, אז ער קען זיך נישט צוריקהאלטן, ער זאגט, וואס זאל איך טון, איך האב ליב צו רעדן, איך האב ליב צו שלאפן, איך קען זיך נישט שטארקן. דער אמת איז אבער, אז ער האט יא א כח זיך צו שטארקן, ער האט א כח צו שאפן, בטבע איז דער מוח שליט על הלב. ער דארף נאר וויסן זיכער אז ס'איז נישט גוט, סם וועט א מענטש נישט עסן, אפילו ווען עס וואלט אים געשמעקט, עס זעהט אוים גוט פונדרויסן. א מאכל איסור וועט ער נישט עסן, ווייל ער ווייסט זיכער אז מ'טאר נישט, ער ווייסט אז ס'איז זייער ביטער, אז א מענטש נעמט חלילה איינמאל אריין אין זיך אזאך וואס איז טריפה, ווער ווייסט ווען ער וועט קענען פטור ווערן דערפון. נאר ביי אזאך וואס איז היתר, קומט דער יצר הרע צום מענטש, ער זאגט אים ס'איז נישט קיין פעלער, מ'מעג דאך, ס'איז נישט קיין איסור, ממילא קען ער זיך נישט שטארקן. איז די עצה צו דעם, אז דער מענטש זאל וויסן קלאר אז מ'טאר נישט, ער דארף וויסן אז די וועלט איז נישט הפקר, מ'האט נישט געגעבן א היתר צו טון וואס מ'וויל, א יוד טאר נישט עסן ווייל ס'שמעקט אים, ער טאר נישט רעדן ווייל ס'שמעקט, ס'איז נישט הפקר וועלט, מ'וועט אויף יעדע זאך אפגעבן דין וחשבון, ס'איז א מצות עשה קדש עצמך במותר לך, מ'מעג נאר עסן ווייל דער אייבערשטער הייסט, נאר ווייל ס'איז רצון הבורא. אויב ער וועט דאס וויסן קלאר, וועט ער שוין נישט זאגן ער קען זיך נישט צוריקהאלטן, וואס הייסט ער קען נישט, מ'טאר דאך נישט.

די ספרים הק' זענען שטארק מסביר דעם יסוד, אויף דעם וואס די גמרא זאגט (יומא ט:) אז דער מקדש ראשון איז חרוב געווארן וועגן די שלש עבירות ע"ז ג"ע ש"ד. אין אמת'ן שטייט אין מדרש איכה (פתיחתא ג), אז ס'איז חרוב געווארן וועגן עון ביטול תורה, וויתר הקב"ה על ע"ז ג"ע ש"ד ולא וויתר על ביטול תורה. אויף דעם זאגן די מפרשים, אז ס'איז נישט קיין סתירה, ווייל אז מ'האט נישט געלערנט, האט מען נישט געוואוסט וואס מ'טאר נישט, אין בור ירא חטא, אז מ'לערנט נישט, פון וואו זאל מען וויסן ווי אזוי צו היטן די תורה, פון וואנעט זאל מען עס נעמען, ס'איז געווען נעבעך אסאך

ביטול תורה, פון דעם איז צוגעקומען אז מ'איז רח"ל נכשל געווארן אין ע"ז ג"ע ש"ד, דאס איז געווען ביים מקדש ראשון.

**דער** מקדש שני זאגט די גמרא, מפני מה חרב, מפני שהיתה בו שנאת חנם, ללמדך ששקולה שנאת חנם נגד שלש עבירות. שנאת חנם איז ערגער, ווי מ'זעהט אז דער גלות בבל האט זיך געענדיגט נאך זיבעציג יאר, און דער איצטיגער גלות ציעט זיך אזוי לאנג. שטעלן זיך די מפרשים, ווי קען דאס טאקע זיין, שנאת חנם זאל זיין הארבער ווי די שלש עבירות חמורות.

**זענען** זיי גוט מסביר דאס, מיט דעם וואס רבינו יונה זאגט (ברכות ח:), פארוואס אן אשם תלוי וואס קומט אויף א ספק, למשל אויב א מענטש ווייסט נישט צי ער האט געגעסן חלב אדער שומן, דארף ער ברענגן אן אשם תלוי, איז דער דין אז ס'דארף קאסטן צוויי סלעים. און א קרבן חטאת וואס קומט אויף א ודאי, ווען דער מענטש ווייסט זיכער אז ער האט געזינדיגט, דארף קאסטן נאר א דנקא. א דנקא איז א מעה, זעקס מעה איז א דינר, און פיר דינר איז א סלע, קומט אויס אז א דנקא איז אן אכט און פערציגסטל פון צוויי סלעים, איז ווי קען דאס זיין, אז א ספק דארף קאסטן מער, און אזויפיל מער ווי א ודאי. זאגט רבינו יונה, ווייל ביי א ספק, האלט דער מענטש אז ס'איז גארנישט, ס'איז נאר א קלייניגקייט, האט די תורה געהייסן ס'זאל קאסטן טייער, כדי דער מענטש זאל זיך מכניע זיין, ער זאל זיך בארעכענען, ער זאל תשובה טון, אויף דעם וואס ער איז צוגעקומען צו אזא זאך, צו א ספק עבירה, ווען ער ברענגט אבער א חטאת, ווייסט ער דאך אז ער האט געזינדיגט, האט ער א צובראכן הארץ, דארף עס נישט קאסטן אזויפיל.

די אייגענע זאך איז לגבי דעם חורבן בית המקדש, ביים בית ראשון, האט מען געוואוסט אויף וואס דער חורבן איז געקומען, וואס די עבירה איז געווען, מ'האט געוואוסט אז ס'איז זייער הארב, און מ'האט תשובה געטאן, איז מען נאך זיבעציג יאר שוין נתכפר געווארן. אבער ביי שנאת חנם טראכט דער מענטש, וואס איז דען, איך בין דאך א חשוב'ער מענטש, איך לערן גוט, איך דאווען פיין, ס'זענען נאר דא פארשידענע מענטשן מיט וועם איך קען זיך נישט אויסקומען, איז וואס, קריגט מען זיך אביסל, איך בין ברוגז אביסל אויף דעם, אביסל אויף יענעם, און איך בין דאך נישט דער שולד אויך נישט, יענער איז דאך דער שולד, עכ"פ יענער אויך, ממילא ווערט ער נישט צובראכן דערפון, ער נעמט זיך גארנישט אינאכט.

**דערווייל** איז דאס דאך א חטא חמור מאוד, שנאת חנם איז דאך א געפערליכע כח הקליפה, כאטש ס'איז נישט קיין איסור כרת, איז דאס אבער דער יסוד פון די גאנצע תורה, אין דעם ליגן אלע עבירות באהאלטן, אלע מדות רעות, ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה, און ווי הלל הזקן האט געזאגט פאר דעם גר (שבת לא.), מה דעלך סני לחברך לא תעביד זו היא כל התורה. ווען דער מענטש וואלט דאס אנערקענט, וואלט דאס געקענט גרינגער נתכפר ווערן, אבער וויבאלד ער האט נישט קיין אמת'ע חרטה דערויף, איז דער עונש אסאך הארבער, פאר דעם דויערט דער יעצטיגער גלות אזוי לאנג.

**אויף** דעם זאגט מען יעדן טאג, לעולם יהא אדם ירא שמים בסתר ובגלוי, ס'שטייט קודם בסתר, ווייל אויף דעם דארף מען שטארק ווארענען, א מענטש קען זיין בגלוי א צדיק, ער לערנט ער דאווענט, ער טשעפעט אפילו נישט קיינעם, און דאך קען זיין אז בסתר, אין הארץ איז ער נאך א היבשער שייגעץ, באהאלטענערהייט ברענט אין אים די כעס, די שנאה, די טינא בלב, די זאכן וואס זענען דומה לעבירה, כל הכועס אפילו שכינה אינה חשובה כנגדו, כל הכועס כאילו עובד עבודה זרה. אזוי זענען דא אסאך זאכן וואס זענען בסתר, ס'שטייט נישט אין שלחן ערוך אויף אזא זאך פונקטליך, ווי אזוי דער חטא איז, מ'זעהט נישט בפירוש אז ס'איז א חטא, אבער אז דער מענטש קוקט מיט אן אמת'דיג הארץ, וועט ער זעהן אז ס'איז זייער א הארבע זאך. ס'קען זיין אמאל, ער רעדט טאקע נישט קיין לשון הרע, אבער ער האט גורם געווען יענער זאל ווערן דערנידערט, פארשעמט, ס'איז דורך אים ארויסגעקומען. און אמאל האט ער די מעגליכקייט אפצושטעלן א מחלוקת, א לשון הרע, זיך אנצונעמען פאר יענעם, ראטעווען יענעם, און ער טוט דאס נישט, איז דאס זייער א הארבער חטא, יעדע זאך וואס דער מענטש האט די מעגליכקייט צו פארעכטן, און ער טוט דאס נישט, ווערט גערעכנט ווי ער האט עס געטון. נאר דער מענטש האלט אז ער האט גארנישט געטון, און ער ווערט גארנישט צובראכן, ער נעמט זיך נישט אינאכט, איז עס וועגן דעם נאך ארגער.

**ביי** דעם ענין פון תפלה איז אויך אזוי, חז"ל זאגן שוין אויף דעם (רש"י ברכות ו:), אז ס'איז פון די דברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בה, און דער עיקר בראך איז דאס, אז דער מענטש האלט גארנישט אז ער איז א חוטא, ער איז גרייט מארגן נאכאמאל אזוי צו דאווענען, ער טראכט, וואס איז דען, איז ער אנגעקומען שפעט, האט ער פארפעלט דא, פארפעלט דארט, האט ער נישט געדאווענט אין צייט, וואס

איז, ער יאגט זיך דאך. דערווייל איז דאס זייער א גרויסער חטא, זייער א גראבע עבירה, קודם כל, איז דאך תפלה במקום קרבן, תפלות כנגד תמידין תקנום, ווען ער איז מזלזל אין מצות תפלה, איז ער מזלזל אין די עבודת הקרבנות. און אפילו אין גלות אליין, קען מען דאך נישט זיין קיין יוד אן עבודת התפלה, רבי חיים וויטאל ז"ל איז געווען געווען גענוג גרויס, ער ברענגט עס פון אר"י הק' (פע"ח שער התפלה פ"ז), אז ס'איז נישט פארהאנען צו זיין א יוד אן תפלה, אן תפלה קען מען נישט מטהר זיין דאס נפש. א יוד א פושע, א שמוציגער מענטש, דאס יא, דאס קען מען זיין אן א דאווענען אויך, אבער א יוד וואס איז ריין, איז נישט פארהאנען צו זיין אן תפלה, אן תפלה גייט עס נישט, און אן לערנען תורה גייט עס נישט, און אן קיום המצות גייט עס נישט, ס'מוז זיין אלע דריי.

**ממילא** איז דאס דער כח פון דעם יצר, אז ער מאכט א זאך קליין אין די אויגן פונעם מענטש, דאס דארף א גרויסע כפרה. די זעלבע איז לגבי דעם ענין וואס מיר האבן אנגעהויבן, ביי די עניני היתר, דער פעלער איז דאס, אז דער מענטש גלייבט נישט אז ס'איז אן עבירה, ער האט ליב צו רעדן אסאך, צו עסן אסאך, ער וואקסט מיט די תאוה, ער ווערט אנגעפילט מיט דעם אינגאנצן, און ער שפירט גארנישט אז ער האט עפעס נישט גוט געטון, ער גערעדנקט ניטאמאל, און ער האלט אז ער איז נישט די שולד, ער איז דאך הונגעריג, וואס זאל ער טון, ער דארף דאך רעדן דאס, רעדן יענץ, ער וויל נישט מודה זיין אז ס'איז אן עבירה.

**און** דער אמת איז, אז אין די אלע זאכן ליגן באהאלטן חטאים ממש אויך, וויפיל לשון הרע'ס און רכילות'ן זענען אין די ברייטע שמועסערייען אריינגעלייגט, און ביים עסן, וויבאלד ער גייט נישט צו דערצו מיט יראת ה', כאפט ער אפ דאס וואשן, ער יאגט זיך, ער גערעדנקט שוין נישט די הלכה, דאס אליין איז א חטא חמור מאוד, כל המזלזל בנטילת ידים נעקר מן העולם (סוטה ד:), רחמנא ליצלן. און ווי אזוי זעהט אויס די ברכה וואס ער מאכט, ער כאפט עס אפ, ער האט נישט אינזין, ס'איז דאך כאילו גוזל להקב"ה (ברכות לה:). און אינעם עסן אליין, קענען זיין פארשידענע שאלות, ווער ווייסט צי ס'איז כשר ווי ס'דארף צו זיין, צי נאר בדיעבד, ער האט דאך נישט דאס אינזין, ס'זאל זיין אויסגעהאלטן ווי ס'דארף צו זיין. און אז ס'איז יא כשר לכתחלה, אז עס פעלט דער קדש עצמך במותר לך, ער עסט ווייל ס'שמעקט אים זייער, ער עסט נאך און נאך, איז אויך זייער ביטער, די שכינה קען נישט רוען דארט, ס'איז נישט פארהאנען, אין אדם דר עם נחש בכפיפה אחת, די תאות היצר מיט די שכינה קענען נישט רוען

צוזאמען. און ער האלט זיך נאך גרויס, ער איז א וואוילער יוד, און א שיינער תלמיד חכם, ער וויל נישט מודה זיין אז ס'איז זייער נישט גוט די זאך.

- ג -

**איז** יעצט די צייט, מ'זאל אנהייבן זעהן וואו מ'שטייט אויף די וועלט, מ'האט היינט געבענטשט חודש אלול, פון יעצט זענען שוין אפן די שערי תשובה, ימינו של הקב"ה איז פשוטה לקבל שבים, אתה נותן יד לפושעים, מ'זאל זיך קענען צוריקכאפן צו אים. איך חזר אלץ איבער וואס דער בני יששכר זי"ע האט נאכגעזאגט פון צדיקים, אז פון ראש חודש אלול ביז חנוכה, לייכט אין הימל א תמונת יד, א צורה פון אן אויסגעשטרעקטע האנט, וואס ווייזט אויף דעם, אז ימינו פשוטה לקבל שבים. לייענט מען יעצט די פרשה, א"ת הברכה אשר תשמעו, צו ערוועקן דעם מענטש, ער זאל אנהייבן לעבן מיט א חשבון, יעדע זאך וואס ער טוט זאל זיין מיט א סדר, ער זאל טון יעדע זאך מיט דעת, מיט מחשבה, מיט א חיות דקדושה, צדיקים במיתתן קרויים חיים, ווען א מענטש איז עוסק אין ענינים גשמיים, הייסט דאס א בחינה פון מיתה, מ'גייט אראפ א מדרגה, דארט איז צדיקים קרויין חיים, זיי ברענגן אריין א חיות אין די זאכן אויך, זיי זענען דאס מהפך פאר רוחני, חיים עד העולם, די חיים גייט ביז אייביג, מ'קען אין יעדע זאך אריינברענגן א חיות, אין יעדע מדרגה.

**אז** מ'וועט אנהייבן טון אין דעם, ווען זיך די אויגן עפענען, מ'וועט זעהן אן אנדערע וועלט פאר זיך, דאס וועט אריינברענגן א חיות חדש, מ'וועט באקומען נייע כחות, מ'וועט אנהייבן שפירן א טעם רוחני אין תורה, א טעם רוחני אין תפלה. און דעמאלטס וועט מען זעהן, מ'וועט זיך כאפן אז ס'איז נישט קיין הויכע זאך, ס'איז נישט קיין רבי'שע זאך, דאס אלעס שטייט אין די פסוקים, קדושים תהיו, כי עם קדוש אתה לה' אלקיך, און ס'שטייט אין די גמרא, און אין די מדרשים, און אין די ראשונים, אלע שרייען געוואלד ווענגן דעם קדש עצמך במותר לך. נאר צו די ווערטער פון חז"ל, דארף מען נאך א פירוש לפירושו, מ'ברויך עס נאך איבערצוטייטשן, מ'זאל פארשטיין ווי אזוי מ'קען די תאוה בייקומען, אויף דעם זענען געקומען די תלמידי בעל שם טוב, מסביר צו זיין גוט, זיי גיבן עצות אויף דעם. ס'איז דאך געווען א תניא זי"ע אויף דער וועלט, ער איז דאך געקומען מסביר זיין וואס דאס איז די עניני היתר, דער שורש איז פון קליפת נוגה, און דער מענטש דארף דאס מעלה זיין ס'זאל אריינקומען צו די צד הקדושה, נישט צו די שלש קליפות הטמאות חלילה. און ער איז מסביר וואס דאס איז די נפש האלקית, און ווי אזוי זי קען זיך שטארקן איבער דעם נפש הבהמית, און וואס דאס

הייסט א צדיק און וואס הייסט א בינוני, און וואס יעדער אין זיין מדרגה דארף צו טון אויף דער וועלט.

**און** אזוי אלע ספרים פון תלמידי בעש"ט הק' געבן דאס גוט צו פארשטיין, און מיט דעם וועג וועט משיח קומען, דאס דארף מען אלץ איבערחזר'ן, וואס ס'שטייט אינעם בריוו פון בעש"ט, דער דגל ברענגט עס (פ' בשלח), און צדיקים האבן דאס געליינט יעדן טאג מיט גרויס ציטער, וואס דער בעל שם טוב שרייבט צו זיין שוואגער רבי גרשון קיטעווער ז"ל, אז ראש השנה שנת תק"ז לפ"ק האט ער געמאכט אן עליית נשמה, ער האט געטראפן אויבן משיח צדקנו, און ער האט אים געפרעגט ווען קומסטו, האט משיח אים געזאגט, ווען דיינע וועגן וועלן זיך צושפרייטן, דיינע מעיינות, דיין תורה, וועט זיך צושפרייטן חוצה, דעמאלטס וועל איך קענען קומען, האט דער בעל שם טוב זייער געוויינט, ווען וועט דאס זיין.

**דארף** מיר אונז זעהן ס'זאל שוין זיין, אונז קען מיר דאס מאכן, מ'זאל גיין אויף דעם וועג, מ'זאל טון אין דעם, דורך דעם וועט קומען די גאולה, און אין גלות אליין וועלן קומען אלע ברכות, את הברכה אשר תשמעו, ס'וועט קומען א שפע רב אויף די וועלט, און ווי די פרשה ווייטער איז פול מיט פסוקים פון ברכה, כברכת ה' אלקיך אשר נתן לך, כאשר יברכך ה' אלקיך, ס'שטייט אפאר מאל איבערגע'חזר'ט, כאשר יברכך, כאשר יברכך, אלעם ברכות. און סוף פרשה שטייט חג הסוכות תעשה לך, ירושלים איז די סוכה, ווי ס'שטייט ויהי בשלם סוכו, זאלן מיר זוכה זיין ס'זאל שוין געבויעט ווערן במהרה סוכת דוד הנופלת, ס'זאל שוין זיין ופרוש עלינו סוכת שלומיך, יעדע נאכט בעהט מען אויף דעם, שבת זאגט מען דאס איבער צוויי מאל, און מ'זאגט א ברכה אויף דעם, הפורש סוכת שלום עלינו ועל כל עמו ישראל ועל ירושלים אמן. זאלן מיר זוכה זיין צו דעם, די גאולה זאל שוין קומען במהרה, מתוך שמחה, מתוך ברכה, מתוך שפע רב, מתוך בריאות השלימות, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

(תשנ"ו)

# תורה ב

- א -

**ראה** אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה. פרעגן די מפרשים, פארוואס שטייט ראה, נישט שמע. און פארוואס שטייט אנכי נותן, נישט אני נותן, אזוי זענען דא נאך אסאך דיוקים.

**אין** נועם אלימלך האבן מיר געלערנט נעכטן, אז ראה ווייזט אויף אהבת ה', ווייל אהבה קען מען נישט האבן אמת'דיג, נאר צו אזאך וואס מ'זעהט. יראה זאגט ער, קען זיין אפילו ווען מ'זעהט נישט, מ'זאגט פאר איינעם אויב דו גייסט אהין, קען מען דיר חלילה שלעכטס טון, פארכט ער זיך, כאטש ער האט עס נישט געזעהן, יראה איז א ריחוק, ער ווייסט ער דארף זיך דערווייטערן פון די זאך, ווייל ס'איז נישט גוט. אבער אהבה איז א קירוב, ער זאל ליב האבן א זאך, ער זאל ווערן געכאפט דערצו, דאס קען נאר זיין אויב מ'זעהט עס, דעמאלטס ווערט ער נאנט דערצו, ער זעהט אז ס'איז גוט, כאפט די אהבה.

**לויט** דעם קען מען טייטשן דעם פסוק, ראה, אנכי נותן לפניכם היום, איך גיב ענק דעם כח פון אהבה, צו טון די מצות מתוך אהבה. ווי אזוי גיט אונז דאס דער אייבערשטער, דורך די תורה, אין די תורה ליגט עס, אז דער מענטש לערנט די תורה, ער הארעוועט, ער איז זיך מייגע דערויף, הייבט ער אן צו שפירן די אהבה צום אייבערשטן.

**דאס** טייטש אנכי נותן לפניכם היום, אנכי מיינט די תורה, די עשרת הדברות וואס הייבט זיך אן מיט אנכי ה' אלקיך, ווי דער בעל הטורים זאגט. זאגט דער פסוק, ראה, דעם כח האהבה, אנכי נותן לפניכם היום, גיב איך ענק דורכן אנכי, דורך די תורה, דורכן לערנען די תורה, באקומט מען דאס.

**און** עס איז א ציווי אויך, די תורה פארלאנגט עס, דא איז דאך די פרשה פון די בחירה, א חלק פון די בחירה איז, דער רבוש"ע וויל זעהן, צו דער מענטש וועט בוחר זיין, צו טון די מצות נאר מיט יראה, נאר ווייל ער מוז, צי וועט ער עס טון מתוך אהבה, דער מענטש קען טון די זעלבע מצות, ס'ווענדט זיך אויף וואס פארא אופן ער טוט עס. זאגט דער פסוק, ראה, זאלסט בוחר זיין אין די תורה מתוך אהבה, וואס איז מרומז אינעםווארט ראה, ווייל אנכי נותן לפניכם היום, איך גיב דאך ענק די תורה, און פון דארט קענט עטץ צו דעם צוקומען.

**אויך** ווייזט דאס ווארט ׳אנכי׳ אויף א גרויסן אור, אויפן אור אין סוף אליין, אן קיין השתלשלות. ווי ס׳איז ידוע, אז ס׳זענען דא פארשידענע מדרגות, פארשידענע אורות וואס שיינען פון אויבן, אלעס קומט פונעם אין סוף ב״ה, אבער עס קען קומען מיט פארשידענע לבושים, בדרך השתלשלות, די מדרגה פון אנכי איז טייטש, אז דער אין סוף ב״ה אליין איז זיך מגלה, אנכי, איך אליין כביכול. ווי די ספרים הק׳ טייטשן אזוי, אין די פרשה פון קריאת שמע, ואהבת את ה׳ אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, ווי אזוי קענסטו דאס האבן, אלע פרעגן דאך, ווי אזוי איז שייך א ציווי אויף אהבה, אהבה דארף דאך קומען פון הארץ, זאגט דער פסוק ווייטער והיו הדברים האלה אשר ׳אנכי׳ מצוך היום, וויבאלד איך האב ענק געגעבן די תורה מיט די מדרגה פון אנכי, ווען דער אייבערשטער האט געזאגט אנכי ה׳ אלקיך, האט ער מגלה געווען דער גילוי פון אור א״ס ב״ה אליין, מהותו ועצמותו יתברך ממש, און מצוך איז א לשון פון באהעפטן, דורך די תורה ווער איך באהאפטן צו דיר מיט די מדרגה פון אנכי, ממילא אז דו וועסט לערנען די תורה, ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך, וועסטו צוקומען צו אהבת ה׳, דורכדעם וועסטו קענען מקיים זיין דעם ואהבת את ה׳ אלקיך.

**לויט** דעם קען מען אין דעם פסוק אויך טייטשן, ראה, זאלסט טון די מצות מתוך אהבה, וואס איז מרומז אינעם ווארט ראה, ווי אזוי קענסטו צו דעם זוכה זיין, מ׳קען דען הייסן ליב האבן, זאגט דער פסוק, אנכי נותן לפניכם היום, איך גיב דיר דאך דעם אור פון אנכי, אין די תורה ליגט דער גרויסער גילוי פון אנכי, פון אור אין סוף ב״ה ממש, דורך דעם קענסטו צוקומען צו שפירן די אהבת ה׳, און מקיים צו זיין די תורה ומצות מתוך אהבה.

**זאגט** דער פסוק ווייטער אויף דעם, את הברכה אשר תשמעו, תשמעו איז טייטש אויך פארשטיין, אזוי ווי ס׳שטייט כי שומע יוסף, אז מ׳וועט זיך ארייננטון צו פארשטיין גוט דאס לערנען, וועט מען צו דעם זוכה זיין, צו די ברכה. יעדע זאך וואס א מענטש לערנט, דארף זיין מיט א שטארקע הבנה, ווען ער לערנט די הוה אמינא פון די גמרא, דארף ער פארשטיין גוט די סברא פון די הוה אמינא, נאכדעם דארף ער פארשטיין וואס איז ביי די מסקנא געווארן אנדערש, וואס פארשטייט מען יעצט אנדערש ווי מ׳האט פארשטאנען פריער, אזוי אלעס וואס מ׳לערנט דארף זיין ברייט אדורכגעלערנט, מיט א שטארקע הבנה, נישט מן השפה ולחוץ.

**און** תשמעו איז א לשון אסיפה אויך, דאס איז מרמז, מ'זאל לערנען די תורה ברבים, מ'זאל מקהיל זיין קהלות בישראל, אזוי קען מען צוקומען צו די ריכטיגע הבנה אין די תורה, ווי די משנה זאגט (אבות פ"ו מ"ו), ווי אזוי קען מען קונה זיין די תורה, בשימוש חכמים, בדקדוק חברים, בפלפול התלמידים. דורך אזא לערנען קען מען צוקומען צו ראה, צו די בחינה פון אהבה.

- ב -

**דאס** איז נוגע פאר אונז יעצט, ווען מיר שטייען אין די גרויסע טעג, די ימי הרחמים, ס'איז היינט ר"ח אלול, פון היינט ביז נאך יום הקדוש זענען דא פערציג טעג, קעגן די ארבעים יום פון יצירת הולד, אין די פערציג טעג דארף דער מענטש ווערן א נייע יצירה, א בריה חדשה. און אין די פערציג טעג, האט דער אייבערשטער געגעבן פאר משה רבינו די לוחות האחרונות, יום כיפור האט ער עס אראפגעברענגט, דעמאלטס איז געווען א נייע קבלת התורה, און דאס איז דער כח התורה וואס איז געבליבן ביי יודן, דער כח פון די לוחות הראשונות האבן מיר פארלוירן, מען האט עס נישט געקענט פארנעמען, האט מען געגעבן די לוחות האחרונות, דער כח איז געבליבן ביי אונז, דאס איז דער אור התורה וואס שיינט אין אונז. דארף מען זיך מעורר זיין אין די טעג, מקבל צו זיין די תורה פונדאסניי, די זעלבע תורה ומצות וואס מ'האט מקיים געווען ביז יעצט, זאל מען פון יעצט מקיים זיין מיט מער אהבה, מיט מער פייער, מיט מער הארץ, מיט א ליבשאפט צום אייבערשטן, דער אייבערשטער פארלאנגט דאס, ס'זאל זיין ראה, מ'זאל בוחר זיין אין די תורה מתוך אהבה.

**אויף** דעם קומט דער רמז אינעם ווארט אלו"ל, אני לדודי ודודי לי, דודי טייטש מיין פריינד, דאס ווייזט אויף אהבה, ווי ס'שטייט אין פרשת בהר (ויקרא כה מט), או דודו או בן דודו יגאלנו, ס'איז מרמז אויפן אייבערשטן, דער פסוק זאגט, ומך אחיך, אז יודן וועלן זיין פאראראמט, זיי וועלן נישט האבן קיין זכות, וועט זיי דער אייבערשטער אויסלייזן בבחינת דודו, מתוך אהבה. דאס איז דער ענין פון אני לדודי, אין די טעג דארף מען גיין צום אייבערשטן מתוך אהבה, און דורך דעם ודודי לי, וועט דער אייבערשטער קומען צו אונז מתוך אהבה, ער וועט מגלה זיין צו אונז זיין אהבה.

**ווייטער** אין די פרשה זאגט אויך דער פסוק (יב כח), שמור ושמעת את כל הדברים האלה אשר אנכי מצוך, זאגט אויף דעם דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע (עבו"י ד"ה שמור), אז א מענטש איז מקיים די מצות נאר מתוך יראה, טוט ער נאר וואס ער מוז, וואס דער אייבערשטער הייסט, טוט ער אפ, ער איז נישט אינטערעסירט

מ׳זאל אים הייסן טון נאך זאכן, ער מאכט וואס מ׳הייסט אים, אבער ער זוכט עס נישט. אז א יוד טוט אבער די מצות מתוך אהבה, איז ער דורשטיג, יעדן טאג זוכט ער וואס נאך ער קען טון פארן אייבערשטן, ער גייט אויס נאך א מצוה, ער ווארט דערויף. זאגט ער, דאס איז מרומז אין פסוק שמור ושמעת, שמור איז א לשון ווארטן, אזוי ווי ואביו שמר את הדבר, זאגט דער פסוק, אויב דו וועסט מקיים זיין די מצות מתוך אהבה, וועסט ווארטן אויף די מצות, דעמאלטס את כל הדברים האלה אשר אנכי מצוך, וועסטו זוכה זיין צו שפירן אין די מצות דעם אור פון ׳אנכי׳, וואס ווייזט אויפן אור אין סוף, אן קיין השתלשלות. שפעטער אין די פרשה שטייט אויך ארויס אין פסוק (יג ד), כי מנסה ה׳ אלקיכם אתכם הישכם אוהבים את ה׳ אלקיכם בכל לבבכם ובכל נפשכם, דער אייבערשטער וויל זעהן צו מ׳דינט אים מתוך אהבה, חיים שתהא בנו אהבת תורה ויראת שמים, דאס ברויך מען צו האבן, אויף דעם ברויך מען צו הארעווען, ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה, מ׳זאל נישט זיין צופרידן מיט יראה אליין.

**און** דאס איז נוגע זייער שטארק צו די עבודה פון דעם חודש, צו די מצות התשובה פון דעם חודש, איז די אהבה זייער וויכטיג, ווייל אז דער מענטש דינט דעם אייבערשטן נאר מתוך יראה, ער טוט נאר וואס ער מוז, זעהט ער נישט וואס ער דארף פארבעסערן, וואס האט ער דען שוין געזינדיגט, ער האט יוצא געווען און פערטיג. אבער אז דער מענטש האט ליב דעם אייבערשטן, זוכט ער נאָך, אפשר האט ער עפעס נישט געטון ווי ס׳דארף צו זיין. אז דער מענטש טוט זיך אריין אין די מצוה פון תשובה מיט א געטריישאפט, מיט א אהבה, זעהט ער אז ס׳איז דא א געוואלד וואס צו פארעכטן, דער מענטש ווערט געכאפט אין פארשידענע חטאים, פארשידענע זאכן וואס ער האט נישט געוואוסט, נישט געדענקט, ער האט נישט געוואוסט די הלכה. און דאס איז נישט קיין תירוץ, איך האב נישט געוואוסט, האסט יא געברויכט צו וויסן, די תורה לערנט אונז דאך, האסטו געברויכט צו וויסן, האסט געברויכט צו לערנען, שגגת תלמוד עולה זדון.

**אזאך** וואס א מענטש האט נישט געקענט וויסן, ער איז געכאפט געווארן אין א חטא, און ער וועט קיינמאל נישט וויסן אז ס׳איז געשען, ס׳איז נישט געווען קיין ידיעה לא בתחלה ולא בסוף, אויף דעם איז געווען א קרבן צבור וואס האט מכפר געווען בזמן המקדש, די משנה אנפאנג שבועות זאגט דאס, די שעירי ראשי חדשים און שעירי הרגלים זענען געקומען אויף דעם. אבער אזאך וואס א מענטש קען וויסן, איז ער מחויב

צו וויסן, אין בור ירא חטא ולא עם הארץ חסיד. דאס וואס חז"ל זאגן אמאל (ביצה ל.) מוטב שיהיו שוגגין ואל יהיו מזידין, רעדט מען ביי עמי הארצים, וואס פארשטייען נעבעך גארנישט, אבער איינער וואס פארשטייט לערנען, איז מחויב צו לערנען, אז נישט הייסט ער א מזיד, א מענטש איז מחויב צו לערנען די תורה טאג און נאכט, ובהם נהגה יומם ולילה, אז ער וועט לערנען וועט ער וויסן. און דאס לערנען אליין היט אפ דעם מענטש, די עסק התורה איז מגנא ומצלא מן החטא (סוטה כא.), דאס איז אויך טייטש גדול התלמוד שמביא לידי מעשה, דאס לערנען אליין ברענגט צו דעם מענטש לידי מעשה, מקיים צו זיין די תורה ומצות, נישט נאר אין דעם ענין וואס ער לערנט.

**פארדעם** פארלייגט זיך דער בעל דבר עקסטער אין די טעג, מ'זאל נישט האבן קיין צייט צו לערנען, ווייל דאס איז דער שטערקסטער כח וואס ברענגט דעם מענטש צו תשובה, מאכט דער יצר אזוי, אז דער מענטש זאל זיין פארנומען מיט טרדות, אויף אלעם האט ער צייט, נאר נישט אויף עסק התורה. און אויף דעם אופן, אזוי ווי ס'איז יעצט, ווי פארנומען מ'איז מיט טרדות, האבן מיר נאר פיר טעג ביז ראש השנה, ווייל א וואך לויפט אדורך זייער שנעל, אזוי ווי א מינוט, ער איז אהין געפארן, אהער געפארן, צוריקגעקומען, און שוין איז פרייטאג, איז דאך די וואך ממש גארנישט, נאר שבת איז א טאג וואס מ'פילט אן אביסל, קומט אויס אז ס'איז דא נאר פיר טעג, נאך פיר שבתים איז שוין ראש השנה.

**אז** מ'וועט אבער אנפילן די צייט, מ'וועט דורך הארעווען א טאג, דורכלערנען יעדן טאג גוט, און דורכדאווענען גוט, האבן מיר נאך אסאך טעג, יעדן טאג אליין וועט האבן א פארטאגס, א פארמיטאג, א נאכמיטאג, א ביינאכט, ס'וועלן זיין לאנגע טעג און לאנגע נעכט, פיר גאנצע פולע וואכן. אז מ'טוט אלעם אין די צייט, איז דער טאג א טאג, זענען דא פיר וואכן ביז ראש השנה, און פערציג טעג ביז יום הקדוש.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, מ'זאל זוכה זיין אין די טעג צו טון תשובה מתוך יראה, און מתוך אהבה, און מתוך אלע מדות קדושות, דורכדעם וועלן מיר אויס'פועלן א שנת גאולה וישועה. אין די צוויי חדשים אלול און תשרי, בויעט מען אויף דעם גאנצן יאר, אז מ'גרייט זיך גוט צו אלול, קומען תשרי אראפ נייע אורות, תשרי איז טייטש תשרה שכינה, ס'קומען אראפ אורות פון השראת שכינה פאר יודן אויפן גאנצן יאר, מ'זאל קענען שפירן דעם אור השכינה, ויהי נועם ה' אלקינו עלינו, נועם הייסט די שכינה, נועם זיו שכינתך, ס'זאל זיין הערב נא ה' אלקינו את דברי תורתך בפינו. און כמים הפנים לפנים, אז מ'וועט שפירן די זיסקייט, די אהבה פון אייבערשטן, וועט מען

אים צוריק דינען מתוך אהבה, מתוך דביקות, ואתם הדבקים בה' אלקיכם חיים כולכם היום, און ווי ס'שטייט אין די פרשה, אחרי ה' אלקיכם תלכו ואותו תיראו ואת מצותיו תשמורו ובקולו תשמעו ואותו תעבודו ובו תדבקון, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן.

(תשנ"ה)

---

## תורה ג

### - א -

**ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה.** פרעגן די מפרשים, פארוואס הייבט דער פסוק אן מיט א לשון יחיד, ראה, און נאכדעם זאגט ער א לשון רבים, לפניכם, לכאורה וואלט געדארפט שטיין, אנכי נותן לפניך, אזוי ווי עס שטייט אין פרשת נצבים, ביי דעם זעלבן ענין פון די בחירה, ראה נתתי לפניך היום את החיים ואת הטוב.

**דער** קאזניצער מגיד זי"ע זאגט אויף דעם אין עבודת ישראל, אז דער פסוק וויל דא זאגן צוויי בחינות, אויף ראה איז דער טראפ א רביע, א רביע איז אויבן פונעם ווארט, און דער קול פון א רביע ציעט זיך אויף ארויף, דאס איז מרמז ווען יודן זענען אין א גרויסע מדרגה, זיי זענען באחדות אחד. ווידער אויפן ווארט אנכי, איז דער טראפ א תביר, דאס ווייזט אויף א נידריגע מדרגה, א תביר איז אונטער דאס ווארט, און תביר איז א לשון שבירה, און דער ניגון איז אויך אויף אראפ, אזוי ברענגט ער פון תיקו"ז הק' (מז:) רביע סלקא לעילא תביר נחתא לתתא. זאגט דער פסוק, ראה, סיי ווען יודן זענען אין א גרויסע מדרגה, זיי זענען פאראייניגט באחדות אחד, און סיי אנכי, ווען זיי זענען אין א קלענערע מדרגה, דאס אחדות איז נישט גאנץ, דעמאלטס נותן לפניכם היום, שטייט א לשון רבים, וואס ווייזט ווען ס'איז נישטא קיין אחדות, אויף אלע אופנים זאל מען היטן די תורה.

**לויט** דעם, קען מען מרמז זיין אין פסוק אביסל אנדערש, דער בעל הטורים זאגט דאך, אז אנכי גייט ארויף אויף מתן תורה, שפתח באנכי. ביי מתן תורה זענען דאך יודן געווען אלע איינס, גאנץ כלל ישראל איז געווען איין בונד, כאיש אחד בלב אחד. זאגט דער פסוק ראה אנכי, זאלסט זעהן ס'זאל זיין אזוי ווי ביי אנכי, ביי מתן תורה, וואס דארט איז געווען ויחן שם ישראל, כאיש אחד בלב אחד. און ויחן איז אויך א לשון חן, זיי האבן געטראפן חן איינער ביים אנדערן, נישט מיט געוואלד זענען זיי געווען ווי איינס, נאר מיט חן, מיט רצון שלם. און יעדער יוד איז דאך געווען ביי מתן

תורה, אפילו די קלענסטע נשמה איז דארט געווען, ממילא האט מען דעם כח אויף אייביג, צו זיין כאיש אחד בלב אחד.

**זאגט** דער פסוק, ראה אנכי, בלשון יחיד, דאס הייסט, לכתחלה זאלסטו זעהן ס'זאל זיין אחדות אחד אזוי ווי בשעת מתן תורה. און אז נישט, אז מ'איז נישט אין די מדרגה, ס'איז נישטא די גאנצע אחדות, נותן לפניכם היום, גיב איך עס ענק ווען ס'איז א לשון רבים אויך, עטץ זאלטס מקיים זיין די תורה אויף דעם אופן.

- ב -

**דאס** דארף מען געדענקן גוט, די תורה פארלאנגט, ס'זאל זיין ראה אנכי, אחד יחד, ביחודא חד זאל מען זיין צוגעבונדן, ריין אינגאנצן, ריין פון יעדע פירוד לבבות. און מ'זאל איינער דעם אנדערן שטארקן, דער אייבערשטער האט דאך באשאפן די וועלט אזוי, אז איינער זאל נעמען פונעם אנדערן, ער האט נישט באשאפן אזוי דער סדר, אז א מענטש זאל קענען אליין לערנען און אליין פארשטיין, נאר מ'דארף אלץ געבן און נעמען איינער פונעם אנדערן, ס'דארף אלץ זיין א מקבל און א משפיע, ווייל די וועלט דארף זיין געבויעט אויף אחדות.

**און** דאס איז דער טעם פארוואס מ'האט געגעבן די תורה אום שבת, לכולי עלמא בשבת ניתנה תורה, ווייל שבת איז א טאג פון אחדות, שבת ווערן אלע נשמות איינס, ס'איז יומא דנשמתא, יומא דיחודא. האט משה רבינו אויסגע'פועל'ט מ'זאל געבן די תורה אין דעם טאג, הוסיף משה יום אחד מדעתו, משה רבינו איז געווען דער כללות הדעת פון כלל ישראל, דעת טייטש התקשרות, ער האט צוזאמגעבינדן אלע יודן אינאיינעם, האט ער געפועלט דאס, מדעתו, מיט זיין כח הדעת, אז מ'זאל געבן די תורה אום שבת, דאס זאל אריינלייכטן אויף אייביג, אז מ'זאל קענען היטן די תורה באחדות אחד.

**דאס** קען אויך זיין מרומז אין דעם פסוק, ראה, זאלסט זעהן ס'זאל זיין א לשון יחיד, מ'זאל היטן די תורה באחדות אחד, ווי אזוי קען מען דאס מאכן, ווייל אנכי נותן לפניכם, איך האב ענק געגעבן די תורה וואס איז מרומז אין דאסווארט אנכי, היום, אום שבת וואס ווערט אנגערופן היום, ווי דער אוה"ח הק' זאגט אויפן פסוק (דברים ד לט) וידעת היום, אז היום גייט ארויף אויף שבת, ווי ס'שטייט (שמות טז כה) אכלוהו היום כי שבת היום לה', און מיט דעם כח קען מען היטן די תורה באחדות.

**זאל** מען זעהן טאקע זיך מדבק צו זיין שטארק אינעם שבת, דער שבת קומט, ס'לייכט אריין אין נשמות ישראל, שבת ווערט נתגלה א גרויסער כח אהבה פון אייבערשטן צו יודן, אהבה רבה אהבתנו ה' אלקינו, ושבת קדשך באהבה וברצון הנחלתנו, שבת איז א טאג וואס אלע וועלטן ווערן דערהויבן. נישט אזוי ווי א מענטש קוקט עס אן אויבערליך, ער היט דעם שבת זיך אויסצורוען, ער ווייסט ס'איז שבת און ער טוט ווייטער זיינס, נאר מ'דארף זיך אריינטון אינעם פנימיות פונעם שבת, דער שבת איז פול מיט אורות, פול מיט פנימיות, פול מיט חיות, ס'איז כולו חיים, די קדושה איז געוואלדיג גרויס, אלע כחות הקדושה ווערן נתגלה אין דעם טאג, ס'איז יומא דכל שלימו ביה, אזוי ווי ביים אלף השביעי, ווען ס'וועט זיין יום שכולו שבת, וועט זיין דער תכלית השלימות אויף דער וועלט, אזוי איז יעדן שבת א טאג פונעם תיקון השלם, א טאג פון שלימות, פון מנוחה, יום שכולו שבת ומנוחה לחיי העולמים.

**דארף** מען דעם כח מיטנעמען אויף א גאנצע וואך, דער שבת גייט אוועק, אבער דער רושם בלייבט איבער, מיט דעם כח קען מען זיך א גאנצע וואך פירן באחדות אחד, מ'זאל זיין ריין פון קנאה און שנאה. די אבות אברהם יצחק ויעקב, קומען צו די שלש סעודות, און זיי שיינען אריין און אונז זייערע מדות הקדושות, און דאס בלייבט איבער, מיט דעם כח קען דער מענטש א גאנצע וואך מטהר זיין זיינע מדות. דער מענטש האט אריינגעבויעט אין זיך פארשידענע מדות רעות, יעדער מענטש איז גוט אנגעלאדענט מיט די זאכן, דא איז ער גערעגט אויף דעם, דא איז ער ברוגז אויף יענעם, אין יעדן איינעם ליגט עס, און ער וויל עס נישט אפלאזן, ער האלט אז ער איז גערעכט אויך. ביי א קליין קינד קען מען זאגן, ער איז יא גערעכט אדער נישט גערעכט, אבער ביי אן ערוואקסענעם מענטש, ווי קומט אריין גערעכט, ער דארף זעהן אז די שכינה זאל קענען רוען ביי אים, און דאס קען נאר זיין ווען מ'איז מליץ טוב אויף אנדערע יודן, מ'איז באחדות אחד. יעדער מענטש וואס האט אביסל דעת פארשטייט דאך דאס, ווי קען די שכינה רוען אז ער האט פיינט א יוד, ווי קען ער זיך שטעלן בעטן דעם אייבערשטן, ווען ער האט א שנאה צו זיינס א קינד, צום אייבערשטענס א קינד.

**דארף** מען פונעם שבת נעמען דעם כח, ס'זאל אריינלייכטן די טהרה, דאס הארץ זאל זיין ריין, מ'זאל זיך פירן באחדות אחד, און מ'זאל איינער דעם אנדערן ארויסהעלפן, מ'זאל טון צדקה איינער מיטן אנדערן, צדקה מיינט נישט נאר געלט, אז מ'ברויך דארף מען געבן געלט אויך, אבער דער עיקר צדקה איז מ'זאל געבן רוחניות,

דאס וואס מ׳גיט אריין אין יענעם יודישקייט, דאס איז די גרעסטע צדקה, דאס ברענגט ממש די גרעסטע המתקות אויף די וועלט, די גרעסטע שפע.

- ג -

**אין** תיקו"ז הק׳ (לג.) שטייט ארויסגעשריבן, וואס דאס מיינט צדקה, דער אות צ׳ איז מרמז אויף די צ׳ אמנים, דער אות ד׳ אויף די ד׳ קדושות, דער ק׳ אויף די מאה ברכות, און דער ה׳ אויף די חמשה חומשי תורה. אין די פיר זאכן איז כלול דאס גאנצע דאווענען, און דאס גאנצע לערנען, דאס איז די צדקה וואס מ׳דארף געבן איינער פארן אנדערן, דאס לערנען און דאס דאווענען, יעדער זאל אריינברענגען יודישקייט אין זיך, און אין זיינע קינדער און אין כלל ישראל, דאס איז אזאך וואס יעדער קען האבן אין די האנט, ער קען דאס אלעס טון.

**די** סליחות הייבט מען אן, לך ה׳ הצדקה, דאס וואס דו רבוש"ע פארלאנגסט פון אונז, די פיר זאכן וואס זענען מרומז אינעם ווארט צדקה, דאס איז לך ה׳, דאס קומט פון דיר, אונז טו מיר גארנישט אליין, ממילא ולנו בושת הפנים, ברויך מיר זיך צו שעמען, ווי שוואך מ׳האט דאס אלעס מקיים געווען. אויף דעם קומט דער צירוף פון חודש אלול, פונעם פסוק וצדקה תהיה לנו, אונז בעהט מיר, רבוש"ע זאלסט אונז העלפן, זאלסט אונז געבן די פיר זאכן, אונז וויל מיר עס האבן. די צ׳ אמנים, זאלן מיר קענען געהעריג זאגן, אמן איז טייטש איך גלייב, און ס׳איז נוטריקון א׳ני מ׳וסר נ׳פשי, איך בין מקבל זיך מוסר נפש צו זיין אויף דעם, דאס דארף דער מענטש אינזין האבן ביי יעדן אמן. און מ׳דארף זייער נזהר זיין, אפילו איין אמן נישט צו פארפעלן, אפילו איין אמן אז מ׳פארפעלט איז זייער הארב, ס׳איז געדרוקט די מעשה נורא (בספר הגן ודרך משה ליוס י"ח), וועגן איין אמן וואס מ׳האט פארפעלט, וואס דער עונש איז געווען, רחמנא ליצלן, איך האב געלאזט דרוקן דאס בלעטל, מ׳זאל וויסן ווי הארב דאס איז.

**ברויך** מען צו בעטן אויף דעם, וצדקה תהיה לנו, ווען ס׳קומט צום דאווענען, זאל מען קענען דאווענען ערליך און ענטפערן אלע אמנים ווי ס׳דארף צו זיין, און אזוי זאל מען קענען זאגן ערליך די ד׳ קדושות, איין קדושה זאגט מען ביי אשרי ובא לציון, מ׳זאל נישט ארויסלויפן, מ׳זאל זיך נישט יאגן. און די מאה ברכות זאל מען קענען זאגן ערליך. און די חמשה חומשי תורה, מיינט מען די גאנצע תורה, אלעס איז דאך כלול אין דעם, די תורה שבעל פה קומט דאך מפרש צו זיין דעם תורה שבכתב, שמע בני מוסר אביך, מיינט מען תורה שבכתב, וואס מיר האבן באקומען פונעם

איבערשטן, ואל תטוש תורת אמך, די תורה שבעל פה וואס די חכמים האבן ארויסגעלערנט.

**אויף** דעם דארף מען בעטן ווען ס'קומען די הייליגע טעג, וצדקה תהיה לנו, מ'זאל קענען דאווענען גוט, און לערנען די תורה גוט. מ'בעהט אין די טעג אויף פרנסה, דער עיקר פרנסה איז די השגת התורה, דאס איז די לחם, די מזוני, די מזון הנפש, אן דעם קען מען נישט לעבן, וואו מ'בעהט אויף לחם מיינט מען דער עיקר די תורה, אזוי שטייט דאך, כי לא על הלחם לבדו יחיה האדם כי על כל מוצא פי ה' יחיה האדם. דאס ברויך מען נאך גוט צו פארשטיין, דער מענטש זאגט ער ברויך פרנסה, דאס לערנען און דאווענען איז דאך די פרנסה, עפעס ברויך מען צו טאן פאר פרנסה אויך, אבער פון דעם קען נישט א מענטש לעבן, דאס לעבן איז די תורה, על כל מוצא פי ה', פון דעם יחיה האדם, האט א יוד חיות אויף דער וועלט.

**זאל** מען זיך צו דעם אויפוועקן יעצט, פון היינט פיר וואכן איז דער ערשטער טאג ראש השנה, אין די פיר וואכן זאל מען זיך עקסטער שטארק איבערגעבן צו עסק התורה, צדיקים האבן זיך נישט געוואלט שטעלן דאווענען פארן עמוד אין די הייליגע טעג, אויב זיי האבן נישט געלערנט פון ראש חודש אלול יעדן טאג א בלאט גמרא, זאל מען זיך שטארק נעמען צו דעם, זיך מייגע זיין אויף די הייליגע תורה, בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך, דאס וואס מ'בעהט והאר עינינו בתורתך איז נאך נישט גענוג, מ'דארף אליין ארבעטן אויף דעם, יגעת ומצאת, מיטן גאנצן כח, מיטן גאנצן נשמה, און מיט אלע כחות הגוף, דארף מען לערנען די תורה, ווי ס'שטייט אין די פרשה ודרשת וחקרת ושאלת היטב, מ'זאל גוט פארשטן די תורה, זיך גוט ארייננטון דערין, למען תהיה תורת ה' בפיך, די תורה זאל זיין רגיל על לשונו, ס'זאל זיין שגור בפיו, און דאס איז נאך נישט גענוג, ס'דארף זיין מיטן הארץ אויך, בפיך ובלבבך לעשותו, ושמתם את דברי אלה על לבבכם, וואס מ'טוט זאל זיין מיט הארץ.

**און** די אלע זאכן זאל מען געטריי איבערגעבן פאר אנדערע, דאס איז די צדקה, מ'זאל זיך ארױפלאזן צו יענעם, יענער האלט נאך נישט דארט וואו דו, דארפסטו זיך ארױפלאזן, יענער זאל אויך קענען מיטהאלטן, זאלסט אזוי איבערגעבן די זאכן, אז ס'זאל ארייגגיין אין די הערצער פון די קינדער און אייניקלעך און תלמידים. אזוי ווי א מענטש, פאר זיך אליין און פאר זיינע קינדער וויל ער די בעסטע, ער וויל קענען די בעסטע, און פאר זיין געזונט טוט ער דאס בעסטע וואס איז מעגליך, אזוי מוז ער וועלן אז ס'זאל זיין גוט פאר יעדן יוד. און ווי דער קאזניצער מגיד זי"ע זאגט די וואך (עבו"י ד"ה

שמור), למען ייטב לך ולבניך אחריך, ייטב איז א לשון לייכטן, אזוי ווי בהטיבו את הנרות, למען ייטב לך, זאלסט אריינלייכטן אין דיר, ולבניך זאגט ער, מיינט נישט נאר דיינע קינדער, א תלמיד הייסט אויך א קינד, ולבניך אחריך עד עולם.

**אז** מ'וועט זיך אזוי פירן, וועט דער אייבערשטער אנשרייבן א גוט יאר, ה' ילחם לכם מיט די מקטריגים, אבער ואתם תחרישון, עטץ דארפטס אליין אויך אקערן, כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלקיך בידך, אבער ושבית שביו, דו דארפסט אליין פאנגן פונעם יצר הרע, ווי אזוי ושבית, דורך שבת, און אויך ושבית, דורך תשובה זאלסטו פאנגן פונעם שונא. דער אייבערשטער זאל העלפן מ'זאל זוכה זיין אין די טעג זיך צוריקצוקערן צום אייבערשטן מיט אן אמת, מיט א תשובה שלימה, ווי מ'זאגט אלץ נאכן ליינען דעם פסוק, דרכיה דרכי נועם, די תורה איז זיס, נועם מיינט מען נועם השכינה, וכל נתיבותיה שלום, אלע אירע וועגן זענען פול מיט שלום, און מיט שלימות, און מיט אלע ברכות, בעטן מיר וועגן דעם, השיבנו ה' אליך ונשובה חדש ימינו כקדם, ובא לציון גואל במהרה בימינו אמן. (תשנ"ט)